Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT — פרייז 15 גראשען — היינט 10 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

№ 58 | Łódź, Wtorek 7 marca 1932 r. | צענטער יאהרגאנג | לאדז, דינסטאג, ל׳ אדר א׳ תרצ״ב | № 58

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

# געשטארבען אריסטיד בריאן

## דער באקאנטער פראנצויזישער פאליטיקער און רודף-שלום

פאריז, 7. (ספ. טעל.) היינט אין אווענד איז אין זיין וואוינונג געשטארבען אין עלטער פון 70 יאהר דער באקאנטער פראנצויזישער פאליטיקער אריסטיד בריאן.

מיט דעם דאזיגען נאמען איז פערבונדען דער געדאנק וועגען לאקארנא, וועגען פעלקער-בונד, אייראפעאישע פעדעראציע, פאליטיק פון שלום אין אייראפא, פאליטיק פון פרידליכער דערנעהנטערונג צווישען די פעלקער. דער דאזיגער מענש האט די גרויסע פאפולאריטעט נישט נאר אין פראנקרייך, נאר אין דער גאנצער וועלט און נישט נאר אין די קרייזען פון פאליטיק און זשורנאליזם נאר אין



יעדען הויז איז באקאנט און רעספעקטירט דער נאמען פון בריאן ווייל מיט איהם זענען געווען פערבונדען גרויסע האפנונגען אז עס וועט זיין שלום אויף דער וועלט.

* * *

בריאן איז געבוירען געווארען אין יאהר 1862 נאכ׳ן ענדיגען דעם יורידישען פאקולטעט אין פאריזער אוניווערזיטעט איז בריאן אריינגעטרעטען אלס מיטגליד אין דער סאציאליסטישער פארטיי און איז דארט געווען א טעטיגער מיטגליד. ער איז אבער אין דער פארטיי נישט פערבליבען, אין יאהר 1902 איז ער דאס ערשטע מאל אויסגעוועהלט געווארען אלס מיטגליד פון פראנצויזישען פארלאמענט, אין יאהר 1906 איז ער דאס ערשטע מאל געווארען מיניסטער און זייט דעמאלט מיט קליינע הפסקות געפינט ער זיך כמעט אין יעדען פראנצויזישען קאבינעט אלס יוסטיץ-מיניסטער, אינערן-מיניסטער, אויססערן-מיניסטער און 6 מאל אלס פרעמיער.

אין מאי 1931 האט ער קאנדידירט אויפ׳ן אמט פון פראנצויזישען מלוכה-פרעזידענט. ער איז אבער בעזיגט געווארען דורך דומער׳ן און פון דעמאלט אן האט זיך בריאן אינגאנצען צוריקגעצויגען פון פאליטישען לעבען.

די לוויה פון בריאנען וועט פארקומען שבת.

פאריז, 7. (ספ. טעל.) אין בערלין, לאנדאן, רוים און אין אנדערע הויפטשטעט האט די ידיעה וועגען בריאנס טויט געמאכט א שטארקען איינדרוק.

פון אלע רעגירונגען קומען אן קאנדאלענץ-דעפעשעס.

ווארשא, 7. (ספ. טעל.) דער פרעמיער פריסטאר האט ארויסגעשיקט א קאנדאלענץ-דעפעשע צום פרעמיער טארדיע צוליב׳ן טויט פון בריאנען.

דער שעף פון דיפלאמאטישען פראטאקאל גראף ראמער האט אפגעגעבען א קאנדאלענץ־וויזיט דער פראנצויזישער אמבאסאדע אין ווארשע.

# רעוויזיעס און ארעסטען

## אין יודישע קליינהענדלער - פעראיין אין ווארשא

ווארשא, 17 (טעלעפאניש) די „נ. פ.“ טיילט מיט: נעכטען אין אווענד איז אין לאקאל פון די קליינהענדלער אויף זאמענהאף-גאס 5, פארגעקומען א קאנספיראטיווע פערזאמלונג פון קאמוניסטען, צו וועלכער ס׳זענען געקומען עטליכע הונדערט מאן. וועגען דער פערזאמלונג האט זיך דערוואוסט די פאליטישע פאליציי. וועלכע האט ארויסגעשיקט אויפ׳ן ארט א גרעסערע אפטיילונג מונדירירטע און אויספארשונגס-פאליציי. דאס גאנצע הויז איז ארומגערינגעלט געווארען דורך פאליציי. א צווייטע אפטיילונג איז אריין אין לאקאל, וואו מען האט געפונען א גרויסע צאהל קאמוניסטישע ביבולע. נאכ׳ן לעגיטימירען אלע אנוועזענדע, זענען איבער 150 פערזאן איבערגעפיהרט געווארען אין דער אויספארשונגס-פאליציי. צווישען זיי זענען פאראן רעיעסטרירטע קאמוניסטישע אגיטאטארען.

דער פעראיינס-לאקאל איז פער׳חתמט געווארען״.

---

אין צוזאמענהאנג דערמיט קענען מיר מיטטיילען פאלגענדעס. א רעוויזיע אין צענטראלען קליינהענדלער-פעראיין אויף זאמענהאף-גאס נומר 5 איז ווירקליך פארגעקומען. דאס איז געשעהען שבת-צו-נאכט, בעת א קאנצערט-אווענד וואס איז איינגעארדענט געווארען דורך א פרעמדער ארגאניזאציע אין לאקאל פון די קליינהענדלער. בעת דער רעוויזיע זענען אויך פערהאלטען געווארען עטליכע פערזאן. דער פעראיין איז אבער נישט פער׳חתמט געווארען, און בכלל האט די גאנצע זאך צו די קליינהענדלער קיין שייכות נישט.


# אינקאסענטען

## און אינקאסענטקעס

קענען זיך מעלדען

אין פעראיין „נותן לחם“ סאלנא 14

טעלעפאן 14543 — 1551

**דזשעק רעכטצייט**

זונטאג, דעם 13-טען מערץ

— אי —

פילהארמאניע

פרטים — זעה 9 זייט

# וויכטיג נייעס פאר דער יודישער בעפעלקערונג!

דערמיט מאכען מיר בעקאנט דעם יודישען פובליקום, אז צוליב דעם הערשענדען קריזיס און כדי נאכצוקומען די ברייטסטע מאסען פון דער יודישער בעפעלקערונג, האבען מיר בעשלאסען פון היינטיגען טאג אן

## צו פערקלענערן די פרייזן אויף געשאכטענע גענזענס

און צו פערקויפען גאנצע גענז צום פרייז

## פון 60 גר. א פונט און שטיקלעך גענז 65 גר.

אלעס פון פרישער היגער שחיטה.

מיט אכטונג

די גענזלערס פון דער האלע

וואלבארסקא 15/17. — 1531

# שייטלען

— מיט —

פאריזער שרינדען

ווי אויך

פערטיגע שייטלען

ווערען ערשט-קלאסיג און רעעל אויסגעארבייט

און אנדולאציע

צו ביליגע פרייזן

ביי קערש,

סקוועראווא 15.

ליגע פארן ארבייטענדען א״י — זאל פילהארמאניע, נארוטאוויטשא 20

ארדענט-איין היינט, דינסטאג דעם 8-טען מערץ, 8 אווענד א פארלעזונג פון ח׳

# בערל לאקער

מיטגליד פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע אין לאנדאן

מיטגליד פון דער עקזעקוטיווע פון סאציאליסטישען אינטערנאצ.

א. ד. ט. „די איצטיגע לאגע אין ציוניזם“

בילעטען צו ערמעסיגטע פרייזען צו בעקומען פון 4 נאכמ ביי דער פילהארמאניע-קאסע

נאך לאנגע שווערע ליידען איז אין עלטער פון 79 יאהר געשטארבען אונזער היסגעליבטער מאן, פאטער, זיידע, שוואגער, שוויגערפאטער און אנקעל נ״ע

ישראל גדליה בן אברהם ז״ל הכהן

# גרינשטיין

די לויה קומט פאר היינט, דינסטאג, ג׳ פקודי 12 זייגער בייטאג פון טרויער-הויז זשעראמסקיעגא 7, וועגען וואס עס טיילען מיט

די טיפטרויערענדע הינטערבליבענע — 1545

# רעשטען

לאדז, נאוואמיעסקא 5

פראנט, 2-טער שטאק

פערשידענע קאמגארנס, ביליצער, טאמאשאווער און לאדזער

אויף אנציגער און פאלטענס

מיט 30% ביליגער

קומט און איבערצייגט אייך, ביי

**SZCZĘSLIWY**

נאוואמיעסקא 5, פראנט, II שטאק

אונזער געוועזענעם לאנגיעהריגען פערוואלטונגס-מיטגליד

ח׳ בצלאל גיטליז,

צוליב׳ן טויט פון זיין אונפערגעסליכען פאטער

# משה גרשון נ״ע

דריקט אויס דעם טיפסטען מיטגעפיהל.

די פערוואלטונג

פון אינטערנאט און פערמע פאר יודישע קינדער אין „העלענובעק“. — 1547

